**ניו יארק סטעיט**

# לענדלארד רענט הילף פראגראם

## אינפארמאציע פאר לענדלארדס און פראפערטי אייגנטימער – דאקומענטן טשעקליסטע

די ניו יארק סטעיט לענדלארד רענט הילף פראגראם (Landlord Rental Assistance Program, LRAP) העלפט ארויס בארעכטיגטע לענדלארדס און פראפערטי אייגנטימער צו באקומען אומבאצאלטע רענט וואס איז שולדיג געבליבן דורך טענאנטס וועלכע האבן זיך שוין ארויסגעצויגן פונעם פראפערטי אדער וועלכע ווילן נישט אפליייען פאר די עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם (Emergency Rental Assistance Program, ERAP).

**ביים אפלייען וועלן לענדלארדס און פראפערטי אייגנטימער דארפן איבערגעבן:**

- **W-9 טעקס** בויגן וועלכע מוז ארייגעלייגט ווערן דורכן ארייינשרייבן די אינפארמאציע אין די אייגנטומער אקאונט אויף די LRAP וועבזייטל.
- **א באווייז פון אייגנטום** דורכן אָפּלאָודען אזא דאקומענט צו די אייגנטומער אקאונט אויף די LRAP וועבזייטל.
- **א ליעס אין קראפט** מיט א טענאנט, אדער אויב עס איז נישטא קיין געשריבענע ליס – א געקענסעלטע טשעק, א באווייז פון געלט וואס איז טראנספערירט געווארן אדער אן אנדערע דאקומענט וואס ווייזט די לעצטע פולע רענט באצאלונג וואס איז געמאכט געווארן. אפלאָוד׳עט ליעס בלעטער זאלן האבן וויניגסטנס דער דירה אדרעס, טענאנטן אויף דער ליעס, חודש׳ליכע רענט, און אן אונטערשריפט בלאט.
- **דאקומענטן וואס ווייזן די אומבאצאלטע רענט שולדיג** געבליבן דורכן טענאנט דורכן אָפּלאָודען א חודש'ליכע רענט 'קאַנפירמעישען' בויגן אדער א 'לעדזשער' דאקומענט וואס רעכנט אויס די רענט סומע שולדיג פאר יעדע חודש. שטעלט נישט אריין קיין נישט-רענט סומעס ווי צ.ב.ש. שפעט אפצאל אדער פארקינג קאסטן.
- **באנק אינפארמאציע** דורכן ארייינשרייבן 'דירעקט דעפאַזיט' אינפארמאציע אין די אייגנטומער אקאונט אויפן LRAP וועבזייטל.
- אן 'עפידעיוויט' דאקומענט פון די אייגנטומער אדער אונטערגעשריבענע אפמאך וואס דעזיגנירט די פראַפערטי מענעדזשמענט פירמער/אגענט צו זיין אויטאריזירט צו באקומען די LRAP געלטער – אויב אזא אפמאך איז געמאכט געווארן.
- דער פראפערטי אייגנטומער אדער די אויטאריזירטע פראפערטי מענעדזשמענט פירמע וועט מוזן אונטערשרייבן דעם אפליקאציע און באשטעטיגן אז די איינגעגעבענע אינפארמאציע, אריינגערעכנט די סכום אונטערשטעליגע רענט, איז גענוי און ריכטיג, און דופליצירט נישט קיין צאלונג באקומען פון אן אנדערן פראגראם. די דאטומען ווען די לענדלארד האט זיך פארבינדן מיטן טענאנט זיי צו בעטן צו אנטיילנעמען אין ERAP מוזן אויך איבערגעגעבן ווערן, אויב די אפליקאציע איז פאר א טענאנט וואס וואוינט נאך יעצט אין די יוניט.

דער פראפערטי אייגנטומער אדער די אויטאריזירטע פראפערטי מענעדזשמענט פירמע מוז אויך צושטימען צו די פאלגענדע תנאים אויף צו קענען אננעמען אונטערשטעליגע רענט צאלונגען:

- די LRAP באצאלונג וועט דעקן די טענאנט'ס פולע רענט חובות פאר די צייט-אפשניט וואס איז געדעקט געווארן דורך די באצאלונג.
- זיי וועלן דארפן מוותר זיין אויף סיי וועלכע פארשפעטיגונג ריבית אויף רענט חובות וואס זענען געדעקט געווארן דורך די LRAP באצאלונגען.
- אויב דער טענאנט וואוינט יעצט אין די יוניט, וועלן זיי נישט העכערן די חודש'ליכע רענט סומע מער פון די חודש'ליכע סומע וואס איז שולדיג געווען אין די צייט פון די אפליקאציע פאר LRAP הילף פאר די חודשים פאר וועלכע די רענט הילף ווערט באצאלט און פאר איין יאר נאכן באקומען די LRAP באצאלונג.
- זיי וועלן זיך דארפן האבן פארבינדן מיט די יעצטיגע טענאנט צום וויניגסטנס דריי מאל, צווי מאל אין שריפט, זיי צו ערמוטיגן צו אנטיילנעמען אין ERAP.
- אויב דער טענאנט וואוינט יעצט אין די יוניט, וועלן זיי נישט ארויסווארפן דעם טענאנט פאר וועמענ'ס חובות די LRAP באצאלונג ווערט געמאכט צוליב דעם וואס די ליעס איז אפגעלאפן אדער אויב דער טענאנט איז אויף 'האָלדאָווער' (אן א קאנטראקט) פאר איין יאר נאכן באקומען די LRAP באצאלונג. אן אויסנאם וועט געמאכט ווערן אויב די יוניט וואו דער טענאט וואוינט באשטייט פון פיר יוניטס אדער וויניגער און דער פראַפערטי אייגנטומער אדער א נאענטע פאמיליע מיטגליד פונעם פראַפערטי אייגנטומער פלאנירט זיך באלד ארייינצוציהען אין די יוניט צו נוצן אלץ הויפט וואוינונג.